בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת וַיֵּרָא

תשפ"ה

367

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ טָאג "קָרְבָּנוֹת הַנְשִׂיאִים"?..................א

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וַואשְׁט דִי הֶענְט צוּפִּיל מָאל?......................ב

פַאְרוָואס וִויל אִיךְ זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן?..............................................ג

פַאְרוָואס גֵייט מַיין בִּיזְנֶעס אַזוֹי שְׁוַואךְ?..............................................ה

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּעְרשְׁטְן .........................................א

אַרוֹיסְהֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי אַייְנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע לְכָבוֹד יוֹם טוֹב..........................ב

אַז דוּ בִּיסְט קְלוּגֶער, בִּיסְטוּ דָאךְ עֶרְשְׁט אַ נַאר .......................................ב

קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען נָאר גוּטְס, נָאר בְּרָכוֹת, פַּרְנָסָה, אוּן שָׁלוֹם בַּיִת ..................ד

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה, צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין הוֹרָאָה........................ד

וֶוען אַ פִּילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז אַ פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ ..........................ה

אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּם מַאן..........................................ז

קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה...........................................................ח

נַארִישֶׁע טְרֶערְן אַז דֶער מַאן אָדֶער קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ צַדִיק............ח

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ .........................י

בֶּעט אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף פְרֵייליכְקֵייט, רוּאִיגְקֵייט, אוּן שַׁלְוַת הַנֶפֶשׁ............י

דִי מְהוּדָר'דִיגְסְטֶע תְּפִלִין פַארְן בַּר מִצְוָה בָּחוּר...................................יא

וַויין צוּם אײבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר שׁוֹין גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ.................................יב
קוֹיף זִיךְ אַ פָּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאן, וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן פַּרְנָסָה..................יב
אַנְשְׁטָאט הֶערְן נַייעֶס, נֶעם אַ מִשְׁ-נַיוֹת אוּן זָאג מִשְׁנַיוֹת.....................................יג
דַאוֶונֶען מִנְחָה אִין צַייט.....................................................................יג
רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן...............................יד
מֶען קֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט בְּרֶסְלֶב............................. טו
אִיךְ וִויל דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין פַאר דִי מוֹסְדוֹת....................................... טו
וֶוען מֶען שְׁפִּירְט מֶען וֶוערְט דֶערְוָוארְגְן וֶועגְן פַּרְנָסָה.................................... טז
נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט וֶוערְן מֶער אוּן מֶער לִיכְטִיג............................................יז
מֶען דַארְף נֶעמֶען דִי תְּהִלִים וֶוען אַלֶעס אִיז נָאךְ גוּט.........................................יח
צְנִיעוּת פוּן דִי קִינְדֶער אִיז אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן עֶלְטֶערְן...........................יח
מַכְשִׁיר זַיין דִי מִקְוֶה.......................................................................... יט
לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ.......................................................... יט
וַוייטֶער אַרוֹיסְגֶעבְּן סִידִים פוּן נִגּוּנֵי אֱמוּנָה.............................................כ
פוּן זַיין אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא וֶועט אִיר נָאר פַארְדִינֶען.................................כ
דֶער גוֹי וֶועט דִיר נִישְׁט גֶעבְּן אַ בֶּעסֶערֶע שָׁלוֹם בַּיִת ווִי דִי תּוֹרָה.............................כב
פַארְוָואס דֶעקְט מֶען צוּ דִי חַלוֹת מִיט אַ חַלָה דֶעקְל?...........................................כג
וָואס בֶּעט מֶען בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט?........................................................כד
רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, אוּן זֶען זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן לֵיידִיגֶע שָׁעוֹת.......כד
מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן אַ מִצְוָה............כה
נָאכְאַמָאל גֶעפַאלְן? הוֹיבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף..............................................כו
מִיר קֶענֶען אוֹיךְ טוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד.............................כז
דִי סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים.....................................כט
אִין דִי צַייט וָואס דוּ מַאכְסְט פְּלֶענֶער, כַאפּ אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק.......................ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ טָאג "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט אוֹיסְגֶעזֶען אָן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ דַארְף חִיזוּק, אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג גֶעמֵיינְט אַז מַיין יְשׁוּעָה קוּמְט שׁוֹין, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, אָבֶּער דֶערְוַוייל רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ עֶנְדְלִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים" מִיט דִי וַוארֶעמֶע תְּפִלּוֹת פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי סְגוּלָה. אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, בִּיז נֶעכְטְן, וָואס הָאט גֶעדַארְפְט זַיין דִי 38'סְטֶע טָאג, הָאבּ אִיךְ פָּשׁוּט פַארְגֶעסְן עֶס צוּ זָאגְן.

אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין מַיין יְשׁוּעָה; וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט? דַארְף אִיךְ אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ?

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיךְ מְחַזֵּק זַיין, וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ פַארְלִיר שׁוֹין מַיינֶע כֹּחוֹת.

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט פַארְפֶעלְט אֵיין טָאג פוּן טוּן דִי סְגוּלָה וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ - זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; דִי סְגוּלָה אִיז נִישְׁט צוּ זָאגְן דַוְקָא בִּרְצִיפוּת, אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין מַאשִׁין וָואס פַארְפֶעלְט נִישְׁט וְכוּ'.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, וֶועסְט בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, נָאר בִּתְנַאי זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין יֵאוּשׁ; דַאוֶוען וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּ דִי סְגוּלוֹת פוּן צַדִּיקִים - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וַואשְׁט דִי הֶענְט צוּפִיל מָאל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זֶעקְס יֶערִיגֶער אִינְגְל אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גֶעזוּנְט גוּט קִינְד, עֶר שְׁפִּילְט גוּט אוּן עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַכִּסֵּא גֶעדֶענְקְט עֶר נִישְׁט אוֹיבּ עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט, אוּן עֶר וַואשְׁט אַסַאךְ מָאל אִיבֶּער דִי הֶענְט וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶענוּג גֶעוַואשְׁן. מַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז מֶען וַואשְׁט נָאר דִי הֶענְט אֵיין מָאל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיס פוּן בֵּית הַכִּסֵּא, אוּן נָאכְדֶעם

דַארְף מֶען נִישְׁט נָאכְאַמָאל וַואשְׁן, אוֹיבּ מֶען וַואשְׁט מֶער פוּן דֶעם אִיז דָאס שׁוֹין פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע.

זָאל אִיךְ עֶס לָאזְן בַּיי דֶעם, אָדֶער אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס וָואס אִיךְ דַארְף טוּן צוּ דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, דוּ גֶעבּ אִים אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַז עֶר אִיז אַ וואוֹיל קִינְד, אַן עֶרְלִיךְ קִינְד; גֶעבּ אִים אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת, עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

מֶען מוּז גֶעבְּן אַסַאךְ אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר וְוִיפִיל; אַנְדֶערֶע מִצְוֹת גֵייט אַלֶעס מִיט שִׁיעוּרִים, אַ לוּלָב דַארְף זַיין כַּךְ וְכַךְ טְפָחִים, אַן אֶתְרוֹג טָאר נִישְׁט זַיין קְלֶענֶער וִוי אַן אֵיי, אַ סוּכָּה דַארְף זַיין נִישְׁט קְלֶענֶער פוּן צֶען טְפָחִים, אָבֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר קִינְדֶער - אִיז אָן אַ שִׁיעוּר, מֶען מוּז גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן נָאר אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי גֶעזוּנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס וִויל אִיךְ זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הַאלְט מִיט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק. אִיךְ גֵיי דוּרְךְ שְׁוֶועריִגְקֵייטְן אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ לֵיידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז אִיךְ וִויל זִיךְ הַרְגְ'נֶען, חַס וְשָׁלוֹם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז עֶס אִיז נָאר מַחֲשָׁבוֹת אוּן נִישְׁט מֶער.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ הֶעלְפְן אָפְּשְׁלָאגְן דִי מַחֲשָׁבוֹת? פוּן וָואס קוּמֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת? אִיךְ פְּרוּבִיר שְׁטַארְק צוּ טוּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס וֶוערְטֶער אוּן עֵצוֹת, אִיךְ בִּין זִיךְ שְׁטַארְק מְחַזֵק אִין דִי אֱמוּנָה.

אִיךְ בֶּעט חִיזוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וִוי שְׁנֶעלֶער, ווייל דִי מַחֲשָׁבוֹת בּוּזְשֶׁעוֶוען אוּן אִיךְ וִויל עֶס זָאל וֶוערְן קְלֶענֶער אוּן אַוֶועקְגֵיין, נִישְׁט גְרֶעסֶער וֶוערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה; וִוי בִּיטֶער עֶס אִיז דִיר יֶעצְט - אִיז אִין קֶבֶר אַסַאךְ עֶרְגֶער. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "אַלֶעס קֶען אִיךְ אוֹיסְטְרַאכְטְן, אוּן אַלֶעס קֶען אִיךְ זִיךְ אוֹיסְ'מָשָׁלְ'ן, אוֹיסֶער אֵיין זַאךְ, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְ'מָשָׁלְ'ן דִי בָּרוּךְ הַבָּא אִין קֶבֶר"; וֶוען מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן פַארְדֶעקְן דִי עֶרְד, דִי בָּרוּךְ הַבָּא פוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייט, פוּן דִי מַיִיז, פוּן דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה; עֶס כַאפְּט אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק.

וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה? דִי עֵצָה אִיז שִׂמְחָה, זָאלְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, אוּן זָאלְסְט הֶערְן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק אוּן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טוּן אַלֶעס וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶסְן זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס נוּצְט פַאר שִׂמְחָה.

אוֹיךְ אִיז פַאר דִיר זֵייעֶר וִויכְטִיג זָאלְסְט גֵיין יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט אַלֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן, דֶערְצֵיילְן דִי מַחֲשָׁבוֹת, דֶערְצֵיילְן וָואס דוּ טְרַאכְסְט, אַז דוּ ווילְסְט זִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען וְכוּ' וְכוּ', אוּן אִים בֶּעטְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מִיט מִיר? וִוי קוּמְט צוּ מִיר דִי מַחֲשָׁבוֹת? פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ? פַארְוָואס בִּין אִיךְ בְּעַצְבוּת? אָנָּא הַרְחֵק מֵעָלַי אֶת הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחוֹרָה, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער,

דֶערְוַוייטֶער פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, מַאךְ מִיךְ אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן רוֹב שִׂמְחָה, אוּן יֶעדֶער אַרוּם מִיר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אָנָא הַשֵּׁם גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִי גֶעדַאנְק אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת אוּן אֱלֹקוּת אִיז אַלֶעס, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא״.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, פַארְלֵייג זִיךְ אוֹיף דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת, שִׂמְחָה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת; בִּיז דוּ וֶועסְט צוּרִיק וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט וֶועלְן זִיךְ הַרְגְ׳עֶנֶען, נָאר וֶועלְן אוֹיסְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס גֵייט מַיין בִּיזְנֶעס אַזוֹי שְׁוַואךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין בִּיזְנֶעס גֵייט יֶעצְט אַבִּיסְל שְׁטַייט? אִיךְ בִּין גֶעפֶערְלִיךְ נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן וֶועגְן גֶעלְט.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס וֶועט דִיר הֶעלְפְן דָאס דַאֲגָה׳נֶען, וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן דַאֲגוֹת? דַאֲגוֹת הֶעלְפְט נִישְׁט, דַאֲגוֹת הַרְגְ׳עֶט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): ״לֹא תֵעִיל דַוְיָא בְּלִבְּךָ״, זָאלְסְט נִישְׁט אַרוּם גֵיין מִיט קַיין דַאֲגוֹת, ״דְגַבְרֵי גִיבָּרִין קָטַל דַוְיָא״, וַוייל דַאֲגוֹת הָאט שׁוֹין גֶע׳הַרְגְ׳עֶט אַסַאךְ גִבּוֹרִים; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס

- און אַלֶעס איז נָאר עֶר, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע דַאֲגוֹת.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי בִּיזְנֶעס - וֶועט דִי בִּיזְנֶעס מַצְלִיחַ זַיין. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, הוֹיבּ נִישְׁט אָן טוּן בִּיזְנֶעס אֵיידֶער דוּ גֵייסְט דַאוֶונֶען, מֶען קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין נָאר אוֹיבּ מֶען דַאוֶוענְט דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, בַּיים דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אִין טֶעלֶעפָאן, נָאר קוּק אִין סִידוּר.

צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְט גֶעבְּן מַעֲשֵׂר, און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי צְדָקָה זָאל גֵיין פַאר גוּטֶע פְּלֶעצֶער. מֶען קֶען גֶעבְּן צְדָקָה, מֶען מֵיינְט מֶען גֶעבְּט צְדָקָה און עֶס אִיז לֵיידֶער בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין צְדָקָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין צְדָקָה זָאל גֵיין צוּ אֱמֶתְ'עֶ צְדָקָה.

הַאלְט אִין דִי אָפִּיס אַ צְדָקָה פּוּשְׁקֶע, לֵייג אַרַיין שְׁטֶענְדִיג צְדָקָה - וֶועט זַיין גְרוֹיס הַצְלָחָה.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד. בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דוּ זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען אַז דִי וֶועלְט אִיז נָאר אַן אִיבֶּערְגַאנְג צוּ דִי אֱמֶתְ'עֶ וֶועלְט, צוּ דִי אֵייבִּיגֶע וֶועלְט, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, דַאוֶונֶען און לֶערְנֶען, און טוּן מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה א׳, ה׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; הָאסְט מִיר דֶערְצֵיילְט אִין אוּמַאן בַּיי פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ דַיין צַעַר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער דוּ וֶועסְט זֶען בְּקָרוֹב אַ יְשׁוּעָה.

דִיר בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר אֵיין זַאךְ, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רעט): ״אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל״, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: ״אֵיךְ מְבַטְּלִין עַצְמוֹ״, וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל, וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַצָּב אִין מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען פַאלְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״מֶען פַארְמַאכְט זִיךְ דִי מוֹיל אוּן דִי אוֹיגְן - דָאס אִיז בִּיטוּל״, מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן נב), דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף צוּ זַיין, ״וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ״, אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן״.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַרוֹיסְהֶעלְפְן בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע לְכָבוֹד יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה ב׳, י״ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶפֶּעס אַרוֹיסְהֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע לְכָבוֹד יוֹם טוֹב - וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט טֵיילְן זֵייעֶר אַסַאךְ צְדָקָה עֶרֶב סוּכּוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט דָאס אִיז זַיין נוֹי סוּכָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ בִּיסְט קְלוּגֶער, בִּיסְטוּ דָאךְ עֶרְשְׁט אַ נַאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ב׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת אִין יְשִׁיבָה. שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוֶונֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט), וִוי דֶער תָּם הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת, אוּן וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים שְׁפֶּעטְן הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "נָאר אָן לֵיצָנוּת", אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט "מִיר מֵיינֶען נִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת", הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אֶפְשָׁר מֵיינֶען זֵיי יָא לֵיצָנוּת נָאר זֵיי זָאגְן אַז זֵיי מֵיינֶען נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען, וַוייל דָאס אַלֵיין אִיז לֵיצָנוּת, דֶער תָּם הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר גְרָאד, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן אִים הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס וֶועט זַיין אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן זַיין קְלוּגֶער פוּן מִיר? וֶועלְן עֶנְק עֶרְשְׁט זַיין נַארָאנִים, וַוייל וָואס בִּין אִיךְ דֶען?"

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁפֶּעטְן אֵיינֶער פוּן צְוֵויטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער אֵיינֶער פוּן צְוֵויטְן אִיז מֶען דָאךְ עֶרְשְׁט אַ נַאר, אַזוֹי וִוי דֶער תַּם הָאט גֶעזָאגְט.

בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת. דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ו, ט): "נֹחַ אִישׁ צַדִּיק", נֹחַ אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק; וִוי אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיין אַ צַדִּיק אִין אַזַא גֶעפַאלֶענֶע דוֹר וִוי דִי דוֹר הַמַּבּוּל? זָאגְט דֶער פָּסוּק (שָׁם): "תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו", עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת; דָאס אִיז דֶער וֶועג צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, וֶוער עֶס גֵייט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; עֶר גֵייט אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אוּן טוּט בִּתְמִימוּת דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן, אוּן וְעַל כּוּלָם עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר רֶעדְט אַרוֹיס אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אִישׁ צַדִּיק.

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלט, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן, שְׁנַת תקע"א, אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן אֵיינִיקְל - יִשְׂרָאֵלִ'יק, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער; דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "דַאוֶוען פַאר מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וָואס וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "עֶר פִּירְט זִיךְ שׁוֹין וִוי אַ גוּטֶער אִיד", (אַזוֹי פְלֶעגְט מֶען דֶעמָאלְט רוּפְן אַ רֶבִּי - 'אַ גוּטֶער אִיד'), הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן זַיין גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער. יִשְׂרָאֵלִ'יק הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זֵייגֶער אוּן גֶעזָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: "גָאט גָאט! לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט", אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְוֶועזְנְד הָאבְּן זִיךְ צֶעלַאכְט, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס לַאכְט אִיר, וָואס דֶען אִיז תְּפִלָּה?!" זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן, וִוי אֵיינֶער פְרֶעגְט: 'דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה? אוֹיף דֶעם הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ זֵייגֶער?!' הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס דֶען אִיז תְּפִלָּה?!" דָאס אִיז תְּפִלָּה! פָּשׁוּט'ֶע וֶוערְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם צוּגֶעלֵייגְטֶע זַאכְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען נָאר גוּטְס, נָאר בְּרָכוֹת, פַּרְנָסָה, אוּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע ... שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער בְּרֶענְגְט נָאר בְּרָכוֹת, קִינְדֶער בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, קִינְדֶער בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת, קִינְדֶער בְּרֶענְגְט נָאר גוּטְס; מֶען הָאט נִישְׁט מֶער כֹּחַ מִיט וֵויינִיג קִינְדֶער אוּן מֶען הָאט נִישְׁט אַ בֶּעסֶערֶע שָׁלוֹם בַּיִת מִיט וֵויינִיגֶער קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דִי קִינְדֶער שְׁטֶערְן פוּן זִיךְ בַּאקֶענֶען מַאן אוּן וַוייבּ, דָאס אִיז טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע מַעֲשִׂיוֹת, נָאר בִּזְכוּת דִי קִינְדֶער הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶתְ׳עֶ שָׁלוֹם בַּיִת; וֶועלְן עֶנְק הָאבְּן כֹּחַ צוּ מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער.

...

## דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען הֲלָכָה, צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין הוֹרָאָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט שֶׁיִּחְיוּ**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם זְמַן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְק וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין.

אִיךְ ווִיל עֶנְק זֵייעֶר בֶּעטְן מֶען זָאל הַאלְטְן דִי זְמַנִים, קוּמֶען צַייטְלִיךְ. כּוֹלֵל הוֹיבְּט זִיךְ אָן צֶען אַזֵייגֶער, דָאס מֵיינְט אַז צֶען אַזֵייגֶער דַארְף מֶען שׁוֹין

לֶערְנֶען נָאךְ אַלֶע הֲכָנוֹת; וַוייל נָאר אַז מֶען הַאלְט דִי זְמַנִּים, מֶען אִיז עֶרְנְסְט מִיט דִי צַייט - קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ בֶּעטְן פוּן אַלֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אַז יֶעצְט, דֶעם זְמַן, וֶוען מֶען חַזֶר'ט אִיבֶּער הִלְכוֹת שַׁבָּת - זָאל מֶען זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן נָאר צוּ חַזֶר'ן טוּר בֵּית יוֹסֵף, מְחַבֵּר רְמָ"א, אוּן טוּרֵי זָהָב אוּן מָגֵן אַבְרָהָם, וְכָל הַמּוֹסִיף גּוֹרֵעַ; קֶען זַיין אוֹיפְן מִינוּט וֶועט אוֹיסְקוּקְן אַז דֶער וָואס לֶערְנְט וָואס מֶער אַחֲרוֹנִים - קֶען מֶער, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין כּוֹלֵל בַּיי מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעוָואלְט לֶערְנֶען וָואס מֶער אַחֲרוֹנִים, אָבֶּער מַיין זֵיידֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "לֶערְן טוּר בֵּית יוֹסֵף, מְחַבֵּר רְמָ"א, טוּרֵי זָהָב אוּן מָגֵן אַבְרָהָם - אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין הוֹרָאָה".

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה מִיט כַּוָונָה, אוּן אוֹיךְ בַּיי אַהֲבַת עוֹלָם זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְק זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען ווִיסְן דִי הֲלָכָה ווִי אַזוֹי מֶען פַּסְקְ'נְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז אַ פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ זֵייעֶר וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר הָאט אַזוֹי לִיבּ דִי וָואס וַוארְפְן אַוֶועק זֵייעֶרֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן נֶעמֶען זִיךְ פָּאר צוּ זַיין גוּט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): "'בַּחוּץ לֹא יָלִין

גֵר׳, אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, ״אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל״, עֶר נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּרִיק ״הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה״, דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, ״וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס״, וֶוער עֶס ווִיל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים.

אַז בַּיי עֶנְק אִין דִי מִשְׁפָּחָה, וֶוער עֶס ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ אִיז פַארְשֶׁעמְט; אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אִיז אַ פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ - זָאלְט אִיר זִיךְ פִירְן מִיט חָכְמָה, דֶערְצֵיילְט נִישְׁט קֵיינֶעם פוּן אַייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן, גֵייט צוּ אַ גֶעשֶׁעפְט וָואס לֵייגְט אַרוֹיף אַ פִילְטֶער אוּן לֵייגְט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע פִילְטֶער, אִיר זָאלְט נִישְׁט קֶענֶען קוּקְן קַיין מָאוִויס אוּן נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט שְׁלֶעכְטְס, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט ווִיסְן אַז אַייעֶר טֶעלֶעפָאן אִיז כָּשֵׁר מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער, טַעְנָה׳ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, וַוייל דִי כֹּחַ הַטוּמְאָה אִיז לֵיידֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק, זֵיי קוּמֶען מִיט לֵיצָנוּת אוּן אַזוֹי פַארְכַאפְּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת.

גֶעווֶואוֹינְט אַייךְ צוּ, יֶעדְן טָאג צוּ מַאכְן דְרֵיי מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת, הִתְבּוֹדְדוּת מֵיינְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ זֵייעֶר נָאנְטֶע פְרֵיינְד, מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין גוּט.

גֵייט אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, ווִי לְמָשָׁל אִין אַייעֶר פְּרִיוַואטֶע צִימֶער, אָדֶער דָאס גְלַייכְן, פַארְמַאכְט אַייךְ אַייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן רֶעדְט אוֹיפְן קוֹל, נִישְׁט צוּ הוֹיךְ אָבֶּער גֶענוּג הוֹיךְ אִיר זָאלְט עֶס קֶענֶען הֶערְן, אוּן זָאגְט: ״אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל מִיט דִיר רֶעדְן, אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר״; דֶערְצֵיילְט אִים ווִי שְׁטַארְק אִיר ווִילְט זַיין גוּט אוּן ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַייךְ פַארְכַאפְּט מִיט אַייעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, בֶּעטְס אִים עֶר זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ וואוֹילֶער מַאן וָואס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס וֶועט גֵיין דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ מַאכְן אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, אַזוֹי זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אַייךְ אָפְּוַואשְׁן, דָאס וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר יֶעדְן טָאג זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּם מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

בִּיטֶע רֶעדְט צוּ מָרַת ... אִיר מְחַזֵק זַיין; זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶער מַאן, אַ גָאלְדֶענֶע הַארץ, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זִי טְשֶׁעפֶּעט אִים וְכוּ׳, אַנְשְׁטָאט זִי זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין וִוי מֶען אִיז מְכַבֵּד אַ קֶענִיג - פִירְט זִי זִיךְ צוּ אִים זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין, עֶר פִירְט זִיךְ צוּ אִיר וִוי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ אַ מַלְכָּה, עֶר רֶעדְט צוּ אִיר מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן זִי גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף אִים גֶעפֶערְלִיךְ, זִי מוּז זִיךְ טוֹישְׁן, זִי מוּז אָנְהוֹיבְּן זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט זֶען וִוי עֶר גֵייט אַיין.

דָאס דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אִין בֵּית פֵיגָא, אַז אִיר הָאט דִי זְכִיָה צוּ זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִין בֵּית פֵיגָא פַאר דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ - זָאלְט אִיר רֶעדְן אַסַאךְ פוּן דֶעם; וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט מִיט אַ מַאן, מִיט גוּטֶע מִידוֹת; זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּם מַאן, מֶען קֶען נִישְׁט קְוֶועטְשְׁן אוּן בְּלָאזְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען קֶען נִישְׁט צֶעטְרֶעטְן דֶעם מַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ אוּן גְלִיקְלִיךְ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה, אוּן אֲפִילוּ דוּ אַרְבֶּעסְט אוּן דוּ הֶעלְפְסְט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דָאךְ אִיז ווִיכְטִיג צוּ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה הֶערְן אַבִּיסְל יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן חִיזוּק פוּן דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, אִין שְׁטֶעטְל יְשִׁיבָה זֶענֶען דָא טֵייעֶרֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים מִיט אַזוֹיפִיל הַאַרְץ, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אִין שְׁטֶעטְל אֲפִילוּ פַאר אַפָּאר מִינוּט, מְקַבֵּל זַיין פוּן דִי שֵׁיינֶע חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נַארִישֶׁע טְרֶערְן אַז דֶער מַאן אָדֶער קִינְדֶער זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, אוֹיבּ מֶען וֵויינְט אוּמְזִיסְט - לֵייגְט מֶען זִיךְ אַרַיין אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כט.) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן: ״אַתֶּם בְּכִיתֶם בְּכִיָּה שֶׁל חִינָם״, עֶנְק וֵויינֶען אוּמְזִיסְט, ״וַאֲנִי קוֹבֵעַ לָכֶם בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת״, אִיךְ וֶועל בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס אוֹיף וָואס צוּ וֵויינֶען; אִיר לַיידְט נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פוּן וָואס אִיר רֶעדְט, אִיר הָאט אַ גָאלְדֶענֶע מַאן, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, מִיט גָאר גוּטֶע מִידוֹת, אוּן עֶר מֶעג נֶעמֶען חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט פַאר דִי עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס נִישְׁט זַיין פְּרָאבְּלֶעם, דָאס אִיז זֵייעֶר אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם.

מֶען לַאכְט אִין הִימְל פוּן עֶלְטֶערְן וָואס וֵויינֶען וֶוען זֵייעֶר קִינְד גֵייט נִישְׁט צוּ דִי זֶעלְבֶּע רֶבִּי וִוי דִי עֶלְטֶערְן גֵייעֶן, מֶען לַאכְט פוּן עֶלְטֶערְן וָואס נֶעמֶען חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער וָואס וִוילְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וֶועלְן זִיךְ אוֹיס אַ פְּלַאץ פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם - אוּן מֶען מַאכְט דָאס פַאר אַ צָרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּרֶעגְט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:), אַלֶע טוֹיעֶרְן פַארְמַאכְט מֶען, אָבֶער 'שַׁעֲרֵי דִמְעָה', דִי טוֹיעֶרְן פוּן טְרֶערְן - 'לֹא נִנְעֲלוּ' פַארְשְׁפַּארְט מֶען נִישְׁט; פְּרֶעגְט עֶר, אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁפַּארְט זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט, נוּ וָואס דַארְף מֶען דָארְט הָאבְּן טִירְן? זָאג אַז דִי טוֹיעֶרְן פוּן טְרֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין טִירְן וָואס מֶען קֶען בִּכְלַל פַארְמַאכְן! זָאגְט עֶר, עֶס פֶעלְט יָא אוֹיס דִי טִירְן, אַמָאל פַארְמַאכְט מֶען יָא דִי טִירְן, דִי לָשׁוֹן זָאגְט עֶר, "וֶוען אַ נַארִישֶׁע מַאמֶע וֵויינְט אוֹיף אִיר קִינְד אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ צַדִיק - דֶעמָאלְט פַארְמַאכְט מֶען דִי טִירְן".

הָאט שֵׂכֶל, אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען זָאלְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה פַאר דִי מַתָּנָה וָואס דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן, אַ מַאן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ בַּעַל מִידוֹת. עֶס קוּמֶען צוּ מִיר וַוייבְּלֶעךְ וֵויינֶען וִוי זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵייער טוּנְקֶל, זֵיי הָאבְּן אַ מַאן וָואס שְׁפִּילְט אַ דָאפְּלְטֶע לֶעבְּן, עֶר מַאכְט זִיךְ שֵׁיין פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן אִין שְׁטוּבּ שְׁלָאגְט עֶר אוּן שְׁרֵייט, רֶעגְט זִיךְ, מַאכְט זִיךְ פְּרוּם פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט רַחֲמָנָא לִצְלָן... דָאס אִיז אַ גֶעוֵויין, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְד, זֵיי דַארְפְן חִיזוּק; אִיר דַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

קוֹיפְט אַייךְ גוּטֶע סְפִּיקֶערְס אוּן צִינְדְט אָן אִין שְׁטוּבּ בְּאוֹפֶן קָבוּעַ לֶעבֶּעדִיגֶע טַאנְצֶעדִיגֶע לִידֶער אוּן טַאנְצְט מִיט דִי קִינְדֶער, דָאס וֶועט אַייךְ בְּרֵייט מַאכְן דִי מֹחַ, אִיר וֶועט נִישְׁט וֶוערְן צֶעדְרוּקְט פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, אוּן וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן רוּפְן וֵויינֶען אוּן סְטְרַאשֶׁען - וֶועט דָאס נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַשְׁפָּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁלֶעפּ זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיף צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ פְרַייטָאג צוּ נַאכְט, דִי בָּאטֶעס זֶענֶען בְּעִיקָר פַּאר בָּחוּרִים. מוֹהֲרַ"ש זָאגְט פַּאר אִינְגֶעלַייט אַז פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בְּלַייבְּט אִין שְׁטוּבּ, מֶען פַּארְמֶערְט אִין לִיבְשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעט אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף פְרֵיילִיכְקֵייט, רוּאִיגְקֵייט, אוּן שַׁלְוַת הַנֶפֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַלֶעס הָאסְטוּ - חוּץ אֵיין זַאךְ; הָאסְט אַ הֶערְלִיכֶע פַאמִילְיֶע, אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, הָאסְט פַּרְנָסָה, שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָאר וָואס דוּ לֵייגְסְט בְּרוֹיט אוֹיפְן טִישׁ, מֶען הוּנְגֶערְט נִישְׁט בַּיי דִיר, מֶען הָאט קְלֵיידֶער אָנְצוּטוּן, הָאסְט אַלֶעס, הָאסְט אַ רֶבִּי וָואס גֵייט פַּאר אוּנְז, וָואס וֶועט אוּנְז מְתַקֵן זַיין, הָאסְט מַמָשׁ אַלֶעס, אוֹיסֶער אֵיין זַאךְ, בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ; מֶען זֶעט נִישְׁט לֶעצְטְנְס דַיין שְׁמֵייכְל, אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ זַיין רוּאִיג, שְׁמֵייכְלֶען, זַיין פַּאזֶעטִיוו; עֶפֶּעס לֶעצְטְנְס אִיז אַלֶעס פַארְשְׁווִינְדְן, אֶפְשָׁר זַייט דוּ הָאסְט אִינְוֶועסְטִירְט אִין נְכָסִים אוּן עֶס וֶוערְט מְקוּיָם (אָבוֹת ב, ז): "מַרְבֶּה נְכָסִים, מַרְבֶּה דְאָגָה", ווִי מֶער מֶען הָאט פַארְמֶעגְן אַלְץ מֶער זָארְגְט מֶען, אָדֶער אֶפְשָׁר אַמָאל הָאסְטוּ גֶעהַאט בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים, מֶער תְּמִימוּת'דִיגֶע, מֶער צוּפְרִידֶענֶע, אֶפְשָׁר אִיז דָאס מַשְׁפִּיעַ.

אִין אַלֶענְפַאלְס, אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט זִיךְ פַארְלֵייגְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת

צוּ בֶּעטְן אוֹיף דִי אֵיינְצֶעלְהֵייט, אוֹיף פְרֵיילִיכְקֵייט, אוֹיף רוּאִיגְקֵייט, אוֹיף שַׁלְוַת הַנֶּפֶשׁ, וַוייל אוֹיב מֶען הָאט דָאס - אִיז אַלֶעס פֵיין אוּן וואוּיל, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט שִׂמְחָה - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע חֲבֵרִים, פְרֵיילִיכֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט בַּעֲלֵי גַּאֲוָה, חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען תְּמִימוּת׳דִיג, אוֹיךְ פַאר אֱמֶת׳עֶ חֲבֵרִים, וָואס מֵיינֶען דַיין גוּטְס, נִישְׁט וָואס שְׁמֵייכְלֶען אִין פָּנִים אוּן שְׁטֶעכְן אַ מֶעסֶער אִין רוּקְן.

אִיךְ הָאב נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף נָאךְ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיבּ שְׁרַייבְּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ שְׁרַייבְּן.

...

## דִי מְהוּדָר׳דִיגְסְטֶע תְּפִלִּין פַארְן בַּר מִצְוָה בָּחוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

נָאךְ אַבִּיסְל מַאכְסְטוּ בַּר מִצְוָה דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר, דַארְפְסְטוּ שׁוֹין יֶעצְט זָארְגְן פַאר דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, זֶע צוּ בַּאשְׁטֶעלְן בַּיי בֶּערְל נֵרוֹ יָאִיר צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין, רַשִׁ״י אוּן רַבֵּינוּ תַּם ; קוֹיף נִישְׁט בִּילִיגֶע בַּתִּים, נֶעם פוּן דָאס שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע. וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קוֹיפְן אַ קַאר וָואס הַאלְט נָאר פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט - דָארְט זָאלְסְטוּ זוּכְן צוּ שְׁפָּארְן, אָבֶּער בַּיי דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין וָואס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פוּן דִי מְהוּדָר׳דִיגְסְטֶע.

יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי שְׁפַּאצִיר בַּיי דַיין פֶעלְד, גֵיי אֵיין מָאל אַרוּם דַיין פֶעלְד אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן אַלֶע זַיין עֶרְלִיךְ.

...

## וויין צום אייבערשטן ער זאל דיר שוין געבן דיין שידוך

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ קוּמְסְט אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אִיךְ הָאף צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן בְּקָרוֹב.

גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר שׁוֹין גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ, בֶּעט אִים אִיבֶּער, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין. דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען, וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר אוּן וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

שְׁמוּעֶס אוֹיס בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט; מִיט דִי שְׁטִילֶע ווערְטֶער וֶועסְטוּ מַאכְן אַ רַעשׁ אוּן אַ טוּמְל אִין הִימְל, דִי שְׁטִילֶע וֶוערְטֶער פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַטֶעם בָּאמְבֶּעס, עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע מְקַטְרְגִים.

זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַ צַדִיק, נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין, אוּן אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ, גֶעבּ מִיר אַ רֵיינֶע לֶעבְּן".

זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת.

...

## קוֹיף זִיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאן, וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן פַּרְנָסָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן צוּ מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִויס, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אַז מֶען קוּקְט מָאוִויס; מֶען פַארְלִירְט דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מֶען פַארְלִירְט דִי יִשּׁוּב הַדַעַת, מֶען פַארְלִירְט דִי צַייט, מֶען פַארְלִירְט דִי טַעַם צוּ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען.

קוֹיף זיךְ אַ פָּשׁוּטְ'עֶ טֶעלֶעפָאן - וֶועסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, וֶועסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן פַּרְנָסָה.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַרִיבֶּער צוּ דַיין מַאמֶע אוּן פְרֶעג אִיר וָואס דוּ קֶענְסְט אִיר עֶפֶּעס הֶעלְפְן, אָדֶער אִיר צוּטְרָאגְן - וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא.

...

## אַנְשְׁטָאט הֶערְן נַייעֶס, נֶעם אַ מִשְׁ-נַיוֹת אוּן זָאג מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ זיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט פָּאלִיטִיק, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט אוֹיסְמַאכְן אוֹיבּ טְרָאמְפּ גֶעווִינְט, אָדֶער זַיין קֶעגְנֶער; דוּ דַארְפְסְט אַ שִׁידוּךְ אוּן פַּרְנָסָה, אוּן זֵיי בֵּיידֶע קֶענֶען דִיר דָאס נִישְׁט גֶעבְּן.

גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה, גֶעבּ מִיר שִׂמְחָה, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, גֶעבּ מִיר שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז נָאר דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט, נָאר דוּ מַאכְסְט אַלֶעס אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט טוּן אוּן מַאכְן אַנְדֶערְשׁ".**

אַנְשְׁטָאט הֶערְן נַייעֶס - נֶעם אַ מִשְׁ-נַיוֹת אוּן זָאג מִשְׁנַיוֹת.

...

## דַאוֶוענֶען מִנְחָה אִין צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן
מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

מֶען הָאט שׁוֹין צוּרִיק גֶערוּקְט דֶעם זֵייגֶער, דֶער זְמַן אִיז פְרִיעֶר, דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה אִין צַייט אוּן נִישְׁט פַארְפַּאסְן מִנְחָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְפִלַּת

מִנְחָה", מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ דַאוֶונֶען מִנְחָה אִין צַייט; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ דַאוֶונֶען וָואס פְּרִיעֶר, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט שַׁחֲרִית וְעַרְבִית, דַאוֶוענְן וָואס פְּרִיעֶר, טוּ גָארְנִישְׁט אֵיידֶער דוּ דַאוֶוענְסְט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט צֶעשְׁטִיקְלֶען דָאס דַאוֶונֶען, לָאז נִישְׁט אוֹיס, אוּן זַיי נִישְׁט מַשְׁלִים; דַאוֶוען אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין סִידוּר, אָן קַיין פְּשָׁרוֹת.

...

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

דֶער בַּעַל דָבָר הָאט זֵייעֶר פַיינְט דֶעם רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס אִינֶעם בְּרִיוו (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן קסו): "עֵינָיו לָטַשׁ וְשִׁנָּיו חָרַק עָלַי", זַיינֶע אוֹיגְן אוּן צֵיין הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְרִיצְט קֶעגְן מִיר, דֶערִיבֶּער גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מְנִיעוֹת אוֹיף יֶעדְן מְקוּרָב, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי וָואס הָאבְּן דוּרְכְגֶעבְּרָאכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן - זֶענֶען אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט פַּארְטִיג, דִי וֶוערְן בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט קַאלְט, אָפְּגֶעקִילְט, בִּיז מֶען לָאזְט אָפּ אִינְגַאנְצְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם פְּרָט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי עֵצוֹת".

אוֹיךְ אִיז דָא אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן פְּרִישׁ מְקוּרָב, צוּ רֶעדְן יֶעדְן טָאג פוּן רֶבִּי׳ן - צִי מִיט אַ חַבֵר, אָדֶער דָאס גְלַייכְן.

...

## מֶען קֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיין נִישְׁט אַז וֶוען מֶען קוּמְט אָן קַיין בְּרֶסְלֶב אִיז שׁוֹין קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, מֶען קֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט בְּרֶסְלֶב, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים - אִיז מֶען אִין אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן.

מוֹהֲרָא״שׁ פְּלֶעגְט דָאס אוּנְז כְּסֵדֶר זָאגְן, בַּיי יֶעדְע שִׁיעוּר אוּן יֶעדֶע שְׁמוּעֶס הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אוּנְז גֶעזָאגְט: ״מֶען מוּז לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, נָאר אַזוֹי הָאט מֶען אַ שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי׳ן״.

טַייעֶרער בְּרוּדֶער, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוֹיךְ אִין סִפְרֵי מוֹהֲרָא״שׁ, אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס אִיז מְחַיֶּ׳ מֵתִים פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ, עֶס וֶועקְט אוֹיף אֲפִילוּ אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כוּלָהּ, אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## אִיךְ ווִיל דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין פַאר דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָפְּטְרֶעטְן פוּן זַיין גַבְּאַי בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, בֶּעט דֶעם גַבְּאַי ... נֵרוֹ יָאִיר זָאל אוֹיפְנֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן אַנְשְׁטָאט דִיר, אִיךְ הָאבּ אַפָּאר טַעֲמִים פַארְוָואס; אֵיינֶע פוּן דִי סִיבּוֹת, וַוייל אִיךְ ווִיל דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין פַאר דִי מוֹסְדוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵיגָא, וַוייל דָאס אִיז מַיין לֶעבְּן, אוּן ״כְּשֵׁם שֶׁקִּבַּלְתָּ שָׂכָר עַל הַדְּרִישָׁה״, אוֹיף דִי יָארְן פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי שֵׁיינֶע יְרוּשָׁלַיִמ׳עֶר שׁוּל, ״תְּקַבֵּל שָׂכָר עַל הַפְּרִישָׁה״, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען שָׂכָר פַארְן אָפְּטְרֶעטְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אַז דַיין זוּן וֶוערְט דְרַיי יָאר אִין חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו - זָאלְסְטוּ נִישְׁט

וַוארְטְן בִּיז לַ"ג בָּעֹמֶר, נָאר דִי קִינְדֶער וָואס וֶוערְן דְרֵיי נָאךְ פּוּרִים - מִיט זֵיי אִיז דִי מִנְהָג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ וַוארְטְן בִּיז לַ"ג בָּעֹמֶר אוּן מַאכְן אִין מִירוֹן פֵּיאוֹת, אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער וָואס וֶוערְן דְרֵיי יָאר בִּיז ט"ו אָב - פֶּעדֶערְט מֶען שׁוֹין אוּן מֶען מַאכְט זֵיי פֵּיאוֹת אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אָבֶער אַז דַיין זוּן וֶוערְט דְרֵיי יָאר אִין חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו - זָאלְסְטוּ אִים אָפְּשֶׁערְן בּוֹ בַּיּוֹם וָואס עֶר וֶוערְט דְרֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען מֶען שְׁפִּירְט מֶען וֶוערְט דֶערְוָוארְגְן וֶועגְן פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

יֶעצְט וֶוען דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער דִי שְׁוֶועֶרֶע נִסָּיוֹן פוּן פַּרְנָסָה, שְׁפִּירְסְט אַזוֹי צֶעדְרוּקְט, דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ וֶוערְסְט דֶערְוָוארְגְן וְכוּ' וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן, גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַארְלָאז זִיךְ אוֹיף אִים.

דֶערְמַאן זִיךְ צוּרִיק ווִי אַמָאל הָאט דִיר גֶעקְוֶועטְשְׁט אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן דֶעמָאלְט הָאסְטוּ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט אַז עֶס אִיז עֶק וֶועלְט, אוּן וֶוען יֶענֶע שְׁוֶועריקֵייטְן זֶענֶען אַרִיבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען אַ פְרִישֶׁע וַואל אוּן גֶעוָואלְט פַארְשְׁוֶועמֶען אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם בִּיסְט אַלֶעס אַרִיבֶּער, אַזוֹי וֶועסְטוּ דָאס אוֹיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן דֶערְצֵיילְן אִין פְרֵיידְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן, שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס, גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיינַאכְט גֵיי נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, זִיץ אִין שְׁטוּבּ, מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה.

...

## נָאךְ אַבִּיסְל װעט װערן מֶער און מֶער לִיכְטִיג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ד, יח): "וְאֹרַח צַדִּיקִים", און דֶער וֶועג פוּן צַדִּיקִים, "כְּאוֹר נֹגַהּ", אִיז וִוי דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן צוּפְרִי, "הוֹלֵךְ וָאוֹר", וָואס שַׁיינְט אוֹיף מֶער און מֶער, "עַד נְכוֹן הַיּוֹם", בִּיז אִינְמִיטְן טָאג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה), אַז מֶען וֶועט גוּט קוּקְן וֶועט מֶען זֶען אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה, אִין דִי טוּנְקְלְקֵייט, "הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לָנוּ", מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיכְטִיג; דָאס אִיז פְּשַׁט, "וְאֹרַח צַדִּיקִים", דֶער וֶועג פוּנֶעם צַדִּיק, "כְּאוֹר נֹגַהּ", עֶר לֶערְנְט אוּנְז און וַוייזְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער וֶועג פוּן צַדִּיקִים אִיז מְחַזֵּק זַיין, אוֹיסְרֶעדְן, און אוֹיסְהֶערְן צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, זֵיי טְרֵייסְטְן אַז עֶס וֶועט בַּאלְד וֶוערְן נָאךְ מֶער לִיכְטִיג. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ד.), רֶבִּי חִיָּיא אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן פַּארְטָאגְס מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא, און בַּיים עֲלוֹת הַשַּׁחַר הָאט רֶבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: "כָּךְ הִיא גְאוּלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל", אַזוֹי וִוי דִי מָארְגְנְשְׁטֶערְן, אַזוֹי אִיז מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "בַּתְּחִלָּה קִימְאָה קִימְאָה", אִין אָנְהוֹיבּ אִיז אַבִּיסְל לִיכְטִיג, בִּיז עֶס וֶוערְט מֶער און מֶער לִיכְטִיג; דָאס אִיז פְּשַׁט "הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם", דִי וֶועג פוּן צַדִּיק, עֶר לֶערְנְט אוּנְז און וַוייזְט אוּנְז 'וַוארְט, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, עֶס אִיז יֶעצְט שׁוֹין לִיכְטִיג, און נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט וֶוערְן מֶער און מֶער לִיכְטִיג'; ווארויל אִיז דֶעם וָואס אִיז דָבוּק צוּ צַדִּיקֵי אֱמֶת און גֵייט אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, וֶועט אִים אַלְץ זַיין לִיכְטִיג, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

## מֶען דַארְף נֶעמֶען דִי תְּהִלִּים וֶוען אַלֶעס אִיז נָאךְ גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער, הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע זִיךְ צוּ גְרֵייטְן צוּ דַיין חֲתוּנָה מִיט גוּטֶע זַאכְן, בְּעִיקָר מִיט זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, פְּרוּבִּיר צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִּים. בֶּעט פַאר דִיר אוּן בֶּעט פַאר עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דִי וֶועלְט מַאכְט אַ טָעוּת, מֶען נֶעמְט דֶעם תְּהִלִּים וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין דִי צָרָה, מֶען דַארְף נֶעמֶען דִי תְּהִלִּים וֶוען אַלֶעס אִיז גוּט אוּן דָאס וֶועט צוּרִיק הַאלְטְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין צָרוֹת.

בַּאקוּמְסְט אַ גָאר חָשׁוּבְ׳עֶ כַּלָּה מִיט גָאר חָשׁוּבְ׳עֶ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, דַארְפְסְט דַאנְקֶען יֶעדְן טָאג פַאר דֶעם, זָאג: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְן מִיךְ אַ חָתָן מַאכְן צוּ אַזַא וואוֹילֶע מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳״.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נָאךְ דַיין חֲתוּנָה זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

...

## צְנִיעוּת פוּן דִי קִינְדֶער אִיז אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַלֶעס וָואס קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ טוּעֶן - אִיז אַ זְכוּת פַאר דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פַאר אַלֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס; אֲפִילוּ מֶען זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס סְפֶּעצִיעֶל אַז מֶען טוּט דָאס לְטוֹבַת דִי נְשָׁמָה - גֵייעֶן דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים סַיי וִוי פַאר זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת.

דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן אַייעֶרֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס אִיז - אַז אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט צְנִיעוּת, זִיךְ אָנְטוּן אֵיידֶל אַזוֹי וִוי אַייעֶר מַאמֶע, אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַכְשִׁיר זַיין דִי מִקְוֶה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הָרַב רֶבִּי ... שְׁלִיטָ״א, דַיָּין בִּקְהִלָּתֵינוּ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס אִיז כְּדַאי מֶען זָאל מַכְשִׁיר זַיין דִי מִקְוֶה אוֹיף דִי גַאס דֶענְמֶען, עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר פַאר אַ מִקְוֶה טָהֳרָה, מֶען זָאל דָאס קֶענֶען נִיצְן שַׁבָּת פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען אִין יֶענֶעם גֶעגְנְט. אִיךְ ווִיל עֶס זָאל זַיין אוּנְטֶער דַיין הֶכְשֵׁר, זֵיי מִיר מוֹדִיעַ וֶוען מֶען קֶען דָאס אָנְהוֹיבְּן נִיצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז יוֹם טוֹב אִין שְׁטֶעטְל אַ גַאסְט אַ פְרוֹי וָואס אִיז שוֹין עֶלְטֶער, זִי הָאט שוֹין חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער. אִיר מַאן קוּמְט מִיר זָאגְן אַז זִי זָאגְט מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן הָאבְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין וַוייבֶּער שׁוּל פַאר עֶלְטֶערֶע פְרוֹיעֶן, מֵיידְלֶעךְ הָאבְן אִיר גֶעשְׁטוּפְּט בַּיי דִי מְחִיצָה.

בִּיטֶע לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ. דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְן בִּכְלַל נִישְׁט וָואס צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז דִי וַוייבֶּער שׁוּל אָפְן פַאר פְרוֹיעֶן וָואס ווִילְן דַאוֶונֶען, זֵיי ווִילְן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת, דִי וַוייבֶּער שׁוּל אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר מֵיידְלֶעךְ זִיךְ צוּ שְׁטוּפְּן בַּיי דִי מְחִיצָה וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווייטֶער אַרוֹיסְגֶעבְּן סִידִיס פוּן נִגוּנֵי אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ וויל דיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט ווייטֶער אַרוֹיסְגֶעבְּן סִידִיס פוּן נִגוּנֵי אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַזוֹי וויכְטִיג פַאר דִי דוֹר, דִי סִידִיס וָואס דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דִי אַלֶע יָארְן שְׁפִּילְן אִין הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיבֶּער, טָאג נָאךְ טָאג, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶ׳ מִיט דֶעם, עֶס בְּלָאזְט קִילֶע לוּפְט, עֶס בַּארוּאִיגְט, עֶס הֶעלְפְט, עֶס אִיז נִישְׁט ווִי אַנְדֶערֶע סִידִיס וָואס דֶער זִינְגֶער ווֵייסְט נִיטְאַמָאל דִי טַייטְשׁ פוּן דִי ווֶערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט, עֶס אִיז נִיגוּנִים פוּן מָשִׁיחַ, פוּן מְמַלֵא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, דִי נִיגוּנִים זֶענֶען מְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה אוּן מְחַזֵק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ צוּ יָאגְן אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶס אִיז נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פְרִישֶׁע סִידִיס, מֶען וַוארְט אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז מְקָרֵב אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פוּן זַיין אַ לֶערֶערִין אִין בֵּית פֵיגָא וֶועט אִיר נָאר פַארְדִינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ בֵּית פֵיגָא טִיטְשֶׁער, ווִי מֶען בּוֹיט אוֹיף דִי תַּלְמִידוֹת מִיט אֱמוּנָה, אוּן לִיבּ הָאבְּן

דִי תּוֹרָה, לִיבּ הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג; עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, מֶען קוּמְט אַהֵיים אוֹיסְגֶעשֶׁעפְּט פוּן דִי כֹּחוֹת, אָבֶּער דָאךְ לוֹינְט זִיךְ עֶס, וַוייל עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער זְכוּתִים פַאר אֵייבִּיג.

יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זִיךְ מוּטְשֶׁען אוֹיף דִי וֶועלְט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דִי פְּלָאג פוּן דִי וֶועלְט וָואס רוּפְט זִיךְ 'עוֹלָם הַזֶּה', דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט), יֶעדֶער אֵיינֶער לַיידְט יְסוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְסוּרִים, אוּן אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֵוייניג אוּן פוּל מִיט וֵוייטָאג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֵוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם עֵצָה וואו צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף נֶעמֶען דֶעם 'עָמָל' וָואס עֶס שְׁטֵייט 'אָדָם לְעָמָל יוּלָד' אוּן עֶס אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי תּוֹרָה 'אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה'; אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי פְּלָאג אִין גוּטֶע זַאכְן - בְּלַייבְּט עֶפֶּעס אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַז מֶען פְּלָאגְט זִיךְ פַאר סְתָּם זַאכְן - וֶוערְט מֶען פָּשׁוּט פַארְשְׁוַוארְצְט.

אִיךְ קֶען אַייךְ נִישְׁט זָאגְן צוּ בְּלַייבְּן אִין בֵּית פֵיגָא וֶוען אִיר זָאגְט אִיר הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת, אִיר דַארְפְט דָאךְ הָאבְּן כֹּחַ פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיךְ קֶען אַייךְ נָאר מְחַזֵּק זַיין אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן זָאגְן אַז פוּן זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִין בֵּית פֵיגָא וֶועט אִיר נָאר מַרְוִיחַ זַיין. אַז מֶען צָאלְט וֵוייניג אִיז נִישְׁט אֱמֶת; קֶען זַיין אִין דָאלֶער אִיז דָאס וֵוייניג, אָבֶּער וָואס דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט אִין לֶעבְּן, וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז נִישְׁט מַשִּׂיג צוּ זַיין.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז, זַייט אַייךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ וַוייזְן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

נָאךְ אֵיין וִויכְטִיגֶע זַאךְ, אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת פוּן בֵּית פֵיגָא דֶערְצֵיילְט מִיר, זִי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יֶעצְט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, הָאט זִי בַּאזוּכְט בַּיי

ענק אין סקול. זאגט זי, אזעלכע ווארעמע קליגע הארציגע טיטשערס ווי אייך און מרת ... און מרת ... - האט זי נאכנישט געזען, זי הערט נישט אויף רעדן פון די טיטשערס אין בני ברק סקול.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## דער גוי וועט דיר נישט געבן א בעסערע שלום בית ווי די תורה

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת לך לך, ו' מר-חשון, שנת תשפ"ה לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר, ירושלים**

דער פרייער פראפעסאר און אויך דער געלערנטער גוי וועט דיר נישט קענען געבן שלום בית און אויסלערנען ווי אזוי מען לעבט בינו לבינה וכו', עס איז מיר א פלא אז א רב בישראל זאל ענק הייסן גיין צו פראפעסארן לערנען ווי אזוי צו לעבן וכו'; נאר אין די תורה זאלסטו קוקן, נאר דארט וועסטו זען ווי צו לעבן בכלל און מיט א ווייב בפרט.

לערן ש"ס כסדרן וועסטו טרעפן אזויפיל עצות ווי צו לעבן מיט א ווייב, וועסט זען ווי די הייליגע תנאים און די הייליגע אמוראים האבן געלעבט אן קיין חומרות און אן קיין פרישות. איך קען נישט שרייבן אפן אין די ענינים ווייל אלע לייענען די בריוו וכו', איך זאג דיר וואס מוהרא"ש האט מיר געזאגט בתחלת התקרבותי, איך זאל לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, לערנען אסאך און שנעל, וועל איך זען ווי צו לעבן.

גיי נישט צו קיינעם, קיינער וועט דיר נישט געבן מער ווי די הייליגע תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

## פַארְוָואס דֶעקְט מֶען צוּ דִי חַלוֹת מִיט אַ חַלָה דֶעקְל?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט שַׁבָּת, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ", בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים דַארְפְן פָאלְגְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לְזָהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, וָואס עֶפֶּעס אִיז דִי הֲלָכָה אַז מֶען זָאל צוּדֶעקְן דִי חַלוֹת מִיט אַ חַלָה דֶעקְל? אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים אִיז, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי, הוּבָא בְּטוּר אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רעט): "שֶׁלֹּא יִרְאֶה הַפַּת בּוֹשְׁתּוֹ", דִי חַלוֹת זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, אַז מֶען נֶעמְט קוֹדֶם דִי וַויין אוּן מֶען מַאכְט דֶערוֹיף קִידוּשׁ אוּן נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען אִיר; וָואס אִיז פְּשַׁט, אַ חַלָה וֶועט דֶען פַארְשֶׁעמְט? חַלָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ? נָאר מֶען וִויל דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר זִיצְט בַּיים טִישׁ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, עֶס טוּט זִיךְ אוּן עֶס גִיסְט זִיךְ, קֶען מֶען זִיךְ פַארְלִירְן אוּן פַארְשֶׁעמֶען אוּן שְׁרֵייעֶן וְכוּ', אַז עֶר וֶועט זֶען דִי חַלָה דֶעקְל וֶועט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין שַׁבָּת נָאר פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת"; לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת.**

**אַ גוּט שַׁבָּת.**

...

## וָואס בֶּעט מֶען בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

בַּיי דִי לֶעכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת; צוּ פַארְגִינֶען אַ שְׁמֵייכְל פַארְן מַאן אוּן פַארְגִינֶען אַ שְׁמֵייכְל פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילּוּק צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער אֵיינִיג.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מָאנְטָאג נַאכְט וֶועט זַיין אַ מִיטוּנְג, אַלֶע עֶלְטֶערְן מִיט דִי מְנַהֶלֶת אוּן מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס; עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ קוּמֶען, מֶען וֶועט הֶערְן גָאר וִויכְטִיגֶע זַאכְן וָואס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, אוּן זֶען זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן לֵיידִיגֶע שָׁעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן אַז דוּ הִיטְסְט שַׁבָּת, אוּן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר.

בֶּעט אִיבֶּער דַיין ווַייבּ, זָאג אִיר אַז דוּ הָאסְט חֲרָטָה פַארְן אִיר וֵויי טוּן, אוּן זָאג אִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט אִיר מֶער נִישְׁט וֵויי טוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יב, טז): "וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ", אַז דִי שֶׁפַע, דִי גֶעלְט - קוּמְט בִּזְכוּת וָואס מֶען רֶעדְט שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען רֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט כָּבוֹד, אַזוֹי וִוי עֶרְלִיכֶע אִידְן רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, רֶעד צוּ דַיינֶע טֶעכְטֶער קְלָארֶע וֶוערְטֶער, אַז קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶר קֶערְפֶּער, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער קִיצְלְט אִיר אוּן בַּאטַאפְּט אִיר זָאל זִי דֶערְצֵיילְן, אוּן גֶעבּ

אַכְטוּנְג זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן לַאנְגֶע שָׁעוֹת פוּן גֵיין לֵיידִיג. זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן דִי חֲכָמִים, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָלָה", גֵיין לֵיידִיג, "מְבִיאָה לִידֵי זִימָה", בְּרֶענְגְט צוּ שְׁמוּץ; דֶערִיבֶּער זֶענֶען מִיר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ לָאזְן דִי קִינְדֶער אַלֵיין לַאנְגֶע שָׁעוֹת פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג, שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג - אָן דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זַיין מִיט זֵיי, לֶערְנֶען אָדֶער פַארְבְּרֶענְגֶען, וַוייל אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן לֵיידִיג קוּמְט מֶען צוּ עֲבֵירוֹת.

זָאלְסְט טוּן בֵּיידֶע, סֵיי רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, אוּן אוֹיךְ זֶען זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן לֵיידִיגֶע שָׁעוֹת. לֵייג זֵיי שְׁלָאפְן פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אוּן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, גַאנְצֶע מִשְׁפָּחוֹת גֵייעֶן צוּגְרִינְד צוּלִיבּ דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען פוֹיל צוּ מְחַנֵךְ זַיין, אוּן אַז אַ בְּרוּדֶער אַ בָּחוּר וֶועט טְשֶׁעפֶּען דִי שְׁוֶועסְטֶער אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט זִי חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן לַיידְן, אוּן דֶערְצֵיילְן דֶעם מַאן, דֶעמָאלְט וֶועט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צֶעפַאלְן, אוּן וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג? אוֹיבְּנָאוֹיף דֶער בָּחוּר, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן שׁוּלְדִיג וד"ל.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן אַ מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, בַּאנִיץ זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִיט אַ קְבִיעוּת, אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט - זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוּנְזֶער שְׁוֶוערְד, אוּנְזֶער גֶעוֶוער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שׁוֹחֵר טוֹב קמט, ב): "פִּיהֶם שֶׁל יִשְׂרָאֵל חַרְבָּם", דִי מוֹיל פוּן אַ אִיד אִיז ווִי

אַ שְׁוֶוערְד, אַז מֶען נִיצְט דִי מוֹיל פַאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת - אִיז דָאס וִוי אַ שְׁוֶוערְד קֶעגְן אַלֶע פַּיינְט.

מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין מַחֲלֹקֶת, אֲפִילוּ מֶען וֶועט דִיר אַיינְרֶעדְן אַז דָאס אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן עֶס אִיז אַ מִצְוָה. לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת (אוֹיךְ וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ מִיר; נֶעם זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר מִיר, אַז דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף מִיר, אוּן דוּ ווִילְסְט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר - זָאלְסְטוּ שְׁוַוייגְן).

אוֹיךְ אִין מִשְׁפָּחָה, אַז מֶען ווִיל דִיר אוֹיפְהֶעצְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִיט חָכְמָה אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, וַוייל מֶען לַיידְט זֵייעֶר פוּן מַחֲלֹקֶת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין רַשִׁ"י בַּמִּדְבָּר טז, כז), אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט נִישְׁט - וֶוערְן אוֹיךְ אַוֶועק גֶערִיסְן דוּרְךְ מַחֲלֹקֶת.

זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ, דֶער עִיקָר אוּן דִי יְסוֹד פַאר שָׁלוֹם בַּיִת אִיז - מֶען זָאל נָאכְגֶעבְּן, אוּן נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן. זוּךְ נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת אִין דַיין וַוייבּ, זוּךְ דָאס גוּטְס אִין אִיר.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט זַיין דִי יֶערְלִיכֶע מִיטוּנְג אִין בֵּית פֵּיגָא פוּן דִי עֶלְטֶערְן מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַלֶעס אָפְּלָאזְן אוּן זֶען אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען רֶעדְן מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס אוּן הֶערְן ווִיכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת פוּן דִי מְנַהֶלֶת, וַוייז אַז דִי חִינוּךְ פוּן דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דִיר חָשׁוּב אוּן דְרֵיי זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאכְאַמָאל גֶעפַאלְן? הוֹיבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ נָאכְאַמָאל פַארְלוֹירְן אוּן גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ', הָאבּ נִישְׁט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אִין בְּרֶסְלֶב אוּן זַאכְן רוּקְן זִיךְ נִישְׁט, הוֹיבּ נָאכְאַמָאל אָן פוּן אָנְהוֹיבּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר

לִימוּד וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז 'אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם', נִישְׁטָא קֵיין יֵאוּשׁ, נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ 'אִיךְ בִּין שׁוֹין פַאְרפַאלְן אוּן דֶערְנָאךְ'; דָאס אִיז בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת.

מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, פַּאר דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בָּחוּרִים פוּן פּוֹילְן קַיין אוּמַאן, אוּן וֶוען דִי קְרִיג הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן זֶענֶען זֵיי שְׁטֶעקְן גֶעבְּלִיבְּן אִין אוּמַאן, וְויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וואו צוּ וואוֹינֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִינֶעם קְלוֹיז. דֶער שַׁמָּשׁ הָאט דָאס נִישְׁט לִיב גֶעהַאט, עֶר פְלֶעגְט זֵיי אַרוֹיסְטְרַייבְּן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי: "גֵייט אַייךְ פוּן דַאנֶעט!" שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט מֶען הֶערְן ווִי עֶר וֵויינְט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס וִויל אִיךְ פוּן דִי בָּחוּרִים? וָואס שְׁרֵיי אִיךְ אוֹיף דִי בָּחוּרִים? זֵיי הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קֵיין שְׁטוּב, זֵיי זֶענֶען דָא פַארְוָוארְפְן", נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אוּן מֶען אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דֶער שַׁמָּשׁ וֶועט מֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי, אָבֶּער אַבִּיסְל שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט אוֹיף זֵיי אוּן נָאכְדֶעם גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת פַארְוָואס עֶר רֶעגְט זִיךְ, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אֲפִילוּ עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל גֵייט עֶר אַלְץ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן'".

בְּרוּדֶער, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיר קֶענֶען אוֹיךְ טוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער מְאוֹר עֵינַיִם, דֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז בַּאוְויסְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען

גָאר קְלֵיין אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אָן טַאטֶע אוּן מַאמֶע, זַיין פֶּעטֶער הָאט אִים גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אִים אַזוֹי וִוי מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֶעבְּן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער גוּטֶע נַאשׁ הָאט עֶר אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן. אִיז דֶער קְלֵיינֶער קִינְד נָחוּם גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל גֶעעֶפְנְט דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "טַאטֶע אִין הִימְל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַאטֶע, דוּ בִּיסְט מַיין טַאטֶע, גֶעבּ מִיר נַאשׁ, גֶעבּ מִיר גוּטֶע זַאכְן וָואס אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן", אוּן נָאכְן פַארְמַאכְן דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ הָאט עֶר גֶעזֶען אַ מַטְבֵּעַ אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן גוּטֶע זַאכְן. וֶוען דֶער פֶּעטֶער, דֶער שְׁטִיף טַאטֶע הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר קוּמְט אַלְץ מִיט נַאשׁ אוּן עֶר זָאגְט עֶר הָאט דָאס גֶעקוֹיפְט – הָאט עֶר אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז עֶר גַנְבְ'עֶט גֶעלְט, הָאט דֶער קְלֵיינֶער נָחוּם גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ דִי גֶעלְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן", דֶער פֶּעטֶער קוּקְט אִים אָן 'וִוי, וָואס, וֶוען?' דֶער קְלֵיינֶער נָחוּם זָאגְט אִים: "אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מִיר", דֶער פֶּעטֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט: "וָואס, עֶס פַאלְט אַרָאפּ פוּן הִימְל גֶעלְט?" "יָא" - זָאגְט נָחוּם, דֶער פֶּעטֶער זָאגְט: "אִיךְ וִויל זֶען, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אַ זֵייגֶער פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל זֶען וִוי דוּ גֵייסְט בַּאקוּמֶען אַ זֵייגֶער".

דֶער קְלֵיינֶער נָחוּם מִיט זַיין גַאנְצֶע תְּמִימוּת גֵייט אִין שׁוּל, עֶר עֶפְנְט דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן וֵויינְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַאטֶע, אִיךְ דַארְף אוֹיךְ אַ זֵייגֶער", אוּן וואוּנְדֶער פַּאסִירְט, עֶס פַאלְט אַרָאפּ אַ זֵייגֶער, דֶער פֶּעטֶער הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶעם קְלֵיינֶעם נָחוּם.

דִי חִידוּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן אִיז, אַז דִי מַעֲשֶׂה עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט בַּיים הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דִי מַעֲשֶׂה גֵייט וַוייטֶער בַּיי אוּנְז, מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ טוּן; גֵיין אִין אַ ווִינְקְל אוּן בֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר גֶעלְט, אִיךְ דַארְף שְׁפַּייזְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף צָאלְן פַאר דִי דִירָה, פַאר רֶענְט, פַאר דִי בַּאנְק, הֶעלְף מִיר".

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דַארְפְסְט נִישְׁט זוּכְן קַיין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ צוּ עֶפֶענֶען, עֶפְן

דַיין מוֹיל אוּן זָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה פַאר אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן שְׁלֶעכְט, אִיךְ בֶּעט דִיר גֶעבּ מִיר שֶׁפַע, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין טֵייעֶרֶער חָבֵר, דִי לֶעבְּן אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט נִסְיוֹנוֹת, בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן צָרוֹת, וַוארְט נִישְׁט אַז אֵיינֶער זָאל דִיךְ קוּמֶען מְחַזֵק זַיין אָדֶער זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף דִיר וְכוּ' וְכוּ', ווייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר - וֶועט דִיר זַיין נָאךְ מֶער בִּיטֶער, דוּ דַארְפְסְט זוּכְן אִין דַיין צָרָה עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן, זוּךְ אוֹיף הַרְחָבָה אִין אַלֶע דַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶנִישְׁן, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע; וֶועסְטוּ אַלֵיין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר וֶועט דִיר וֶוערְן לִיכְטִיג, אוּן אַז נִישְׁט - ווִיל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן.

דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה אַ סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, דִי סוֹד פוּן "בַּצָּר, הִרְחַבְתָּ לִי". דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה): "אִם יִסְתַּכֵּל הָאָדָם עַל חַסְדֵי ה'", אוֹיבּ מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט; "יִרְאֶה, שֶׁאֲפִלּוּ בְּעֵת שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵצֵר לוֹ", אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט שְׁוֶוערֶע טֶעג, "גַּם בְּהַצָּרָה בְּעַצְמָהּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְחִיב לוֹ וּמַגְדִּיל חַסְדּוֹ עִמּוֹ", זָאל עֶר גוּט קוּקְן, וֶועט עֶר זֶען אַז אִין דִי צָרָה מַאכְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּט.

רֶעד נִישְׁט אוֹיף דֶער וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, פַאר דַיין שִׁידוּךְ, פַאר דַיין לֶעבְּן, פַאר דַיין אִידִישְׁקֵייט, פַאר דַיין אַלֶעס, זַיי נִישְׁט קַיין כְּפוּי טוֹבָה; אוּן אַז אֵיינֶער קוּמְט צוּ דִיר מִיט לָשׁוֹן הָרָע - זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט

אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף אֵיינֶער וָואס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן בְּעֵת צָרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין דִי צַייט וָואס דוּ מַאכְסְט פְּלֶענֶער, כַאפּ אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אִין דִי צַייט וָואס דוּ מַאכְסְט דַיינֶע פְּלֶענֶער צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי אוּן אַזִי וְכוּ' וְכוּ' - קֶענְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן בִּיז סוֹף חוֹדֶשׁ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוֹיךְ אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן סִימָנִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וֶועסְט בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶם מֹחַ, אַ רֵיינֶעם קְלָארְן מֹחַ, עֶס וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן דַיין לֶעבְן.

קוּק אַרַיין דִי פֶּערְל וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אוּנְז אִין דִי צַוָואָה, פוּנֶעם גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר גֶעדֶענְקֶען דִי טֵייעֶרֶע מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס אִיז דֶער "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד", וָואס דוּרְךְ דִי גְרִינְגֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין אַדוּרְךְ צוּ גֵיין אוּן דוּרְךְ שְׁפַּאצִירְן מַמָּשׁ אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא, אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא, דֶעם גַאנְצְן רַמְבַּ"ם, טוּר אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע סָארְט מִדְרָשִׁים, דִי גְרוֹיסֶע מִדְרָשִׁים אוּן דִי קְלֶענֶערֶע, סִפְרָא, סִפְרֵי אוּן מְכִילְתָּא, אַלֶע סִפְרֵי הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אַלֶע כִּתְבֵי אֲרִיזַ"ל, אַלֶע חַסִידִישֶׁע סְפָרִים פוּן דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אַלֶע סִפְרֵי מוּסָר, אַלֶע סִפְרֵי פּוֹסְקִים, אַלֶע הֲלָכָה סְפָרִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּ לֶערְנֶען דָא אוֹיף**

די וועלט, נאר דאס וועט איר מיטנעמען אויף יענע וועלט, נאר דאס איז אייער עשירות אויף די וועלט און אויף יענע וועלט. אויב האט מען נישט קיין תורה, איז די גאנצע לעבן גארנישט ווערד. א מענטש ווערט געמאסטן לויט וויפיל תורה ער האט געלערנט, לויט וויפיל ער האט זיך געפלייסט צו לערנען און עוסק זיין אין די הייליגע תורה.

די תורה איז די חכמה פונעם אייבערשטן, ווען א מענטש לייגט זיך אריין אין די תורה, נעמט ער אריין אין זיך דעם אייבערשטנ׳ס חכמה, און דאס איז די בעסטע זאך וואס מען קען נאר טון. עס איז נישטא נאך אזא זיסע און געשמאקע זאך ווי די הייליגע תורה, חז"ל זאגן (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) "אֵין טוֹב אֶלָּא תּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ד ב) כִּי לֶקַח טוֹב נָתַתִּי לָכֶם תּוֹרָתִי אַל תַּעֲזֹבוּ" - עס איז נישט דא נאך אזא גוטע זאך אזוי ווי תורה. אויבן אין הימל איז נאר חשוב תורה.

דעריבער בעט איך אייך, מיינע טייערע קינדער און תלמידים, זעט צו באשטימען צייט צו לערנען תורה, צו אראפ גנב׳ענען צייט צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, געדענקט גוט אז נאר דאס וועט בלייבן פון אייך. וויפיל מען כאפט אריין איז גוט, "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אֶת לִבּוֹ לַשָּׁמַיִם". זעט צו אנטלויפן פון מענטשן וואס פארברענגען די טייערע צייט מיט שטותים והבלים, מיט נארישקייטן, אדער נאך ערגער, מיט זאכן וואס מען טאר נישט רעדן, ווי לשון הרע, רכילות און ליצנות א.א.וו. זעט צו אנטלויפן יעדן טאג צו די הייליגע תורה, ממש מיט מסירת נפש.

ווען איר וועט אנקומען אויפן עולם האמת דאן וועט איר זיך אליין איבערצייגן אין די ריכטיגקייט פון דעם "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וואס דער רבי האט אונז געגעבן. עס איז א שאד די צייט זיך צו טענה׳ען מיט מענטשן איבערן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד". "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה׳" - פּרוּבירט עס אליין אויס, וועט איר זען ווי געשמאק און זיס דאס איז. ווען איר וועט זיך צוגעוואוינען צו לערנען אויפן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וועט איר שפירן אלע גוטע טעמים דערין, דאס וועט אייך געבן א חיות אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָר פַּארְוָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז נָאר צוּ טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶערְנְט כְּדֵי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן אִיז דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען מַמָּשׁ "תּוֹרָה לִשְׁמָהּ" מֶען לֶערְנְט נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן מֶענְטְשְׁן, צוּ הֵייסְן אַ רָב, אַ לַמְדָן, אַ צַדִּיק אָדֶער אַ בַּעַל מְקוּבָּל, מֶען לֶערְנְט נָאר פָּשׁוּט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר פָּאלְגְן מִיט דֶעם וֶועט אִיר בִּכְלַל נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

*

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין מֶער צֶעבְּרָאכְן, עֶס וֶועט דִיךְ מַאכְן לֶעבֶּעדִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בס"ד




IDEA. 8457769664

# יא, מיטן אייבערשטנ׳ס הילף!

**סיינט אייך אויף עס צו באקומען וועכנטליך אויף די פאסט**

רופט אדער טעקסט:

**718-387-2691**

אימעיל צו:

**subscribe@kerenhadfusa.org**